# זקניך ויאמרו לך

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פה ק"ק קרית יואל יצ"ו

בעזהשי"ת — גליון ק"פ – בהעלתך תשע"א לפ"ק — כיתה ח' ט'


**תתתתקיח) עס האט דערציילט מיין עלטער באבע ע"ה אשת**
## הרה"ח ר' מנחם זאב מיללער ע"ה

ביי די צווייטע וועלט מלחמה איז מיין מאן הרה"ח ר' מנחם זאב ע"ה געווען פארשיקט ביי די רוסן אויף צוואנגס ארבעט אין אוקריינא וואו ער האט געארבעט עבודת הפרך. איך בין אנגעקומען קיין טרעזיענשטאט מיט מיינע געשוויסטער, וואו מיר האבן זיך אויפגעהאלטן ביז צום ענדע פון די קריג, און מיר זענען דארט באפרייט געווארן. איך האב געהאט מיט מיר מיין פינף יעריגע טאכטער'ל (אשת הרה"ח ר' נפתלי לעבאוויטש הי"ו).

אין יענע תקופה האט זיך די טיפוס קראנקהייט פארשפרייט אין לאגער, און טאג טעגליך זענען נאך מענטשן אנגעשטעקט געווארן פון די קרענק און זענען נעבעך אויסגעגאנגען פון די מחלה. אויך מיין טאכטער'ל תחי' איז אנגעשטעקט געווארן מיט די קראנקהייט אויף א שווערן אופן ל"ע.

מיט אונז אין לאגער איז געווען כ"ק מרן רבינו הגה"ק **בעל ברך משה** זי"ע, וועמען מ'האט דארט גערופן 'דער זענטער רב', ער אליין איז אויך געווען שוואך און קראנק, און איך פלעג אים אסאך ארויסהעלפן אז זיין מצב זאל זיך בעסערן.

ווען איך האב געזעהן ווי מיין טאכטער'לס מצב ווערט ארגער, און די 'פולס' האבן שוין געהאלטן ביי פיר א מינוט, איך האב געזעהן אז זי האלט ביי אירע לעצטע מינוטן ל"ע, בין איך אריינגעלאפן צום רבי'ן מיט א געוויין, און אריינגעווארפן דאס קינד צום רבי'ן אין די הענט, נישט וועלנדיג זעהן ווי אזוי דאס קינד גייט אויס, און איך האב געבעטן דעם רבי'ן זאל פועל'ן א ישועה חוץ לדרך הטבע.

דער רבי האט געבעטן עטליכע שפענדלעך וואס מען האט אפגעהאקט פון די בעטן, און מ'האט אנגעווארעמט עטליכע קריגלעך וואסער, און דער רבי האט עס געלייגט אויפ'ן קערפער פונעם קראנקען קינד. צווערשט אויף די פיס, דערנאך אויפן בויך, און אזוי ווייטער, ביז דאס קינד האט אנגעהויבן צו באקומען א פארב.

די גאנצע צייט וואס דער רבי האט זיך געפארעט מיט דאס קראנקע קינד, האבן די ליפן פון רבי'ן געמורמלט. ער האט געזאגט עפעס ווערטער שטילערהייט, און די טרערן זענען אים גערינען פון די אויגן. פאר'ן קינד איז געווארן בעסער און בעסער, ביז דאס קינד איז געקומען צו זיך און האט אויפגעמאכט די אויגן.

פון יענעם טאג אן האט דאס קינד אנגעהויבן צו עסן געהעריג, ביז זי איז פולקאם געזונט געווארן. און זוכה געווען אויפצושטעלן א הערליך דור. (מענדל וואלף מיללער)

**תתתתקיט) עס דערציילט אונזער זיידע**
## הרה"ח ר' אפרים שמואל פעלדמאן הי"ו

ווען מיר זענען געווען קינדער אינדערהיים האט מען געוואוסט אז מ'האט נאר וואס מען קען זיך ערלויבן, און מען האט נאר געקויפט לויט וויפיל געלט מען האט געהאט אינדערהיים, נישט אזוי ווי היינט ווי עשירים מיט ארימעלייט יעדער איינער האט אלעס די זעלבע.

אונזער הויז איז באשטאנען פון איין גרויסע צימער, דאס איז געווען דער דיינונג-רום, און נאך איין שלאף צימער, אלע קינדער זענען געשלאפן אין דיינונג-רום, און מ'האט געהאט לכל הפחות צוויי קינדער אויף איין בעט.

אין חדר האט מען קיינמאל גארנישט געטיילט פאר די קינדער, פרישטאג און מיטאג האט מען מיטגעברענגט פונדערהיים, און במשך דעם גאנצן יאר האט מען גארנישט געגעבן פון חדר, אויסער חנוכה פלעגן די מלמדים טיילן צוקערלעך. (דוד יודא פעלדמאן, משה פעלדמאן, אברהם מערץ, יוסף שלמה קלאר).

**תתתתקכ) עס דערציילט אונזער זיידע**
## הרה"ח ר' דוד פריעדלענדער הי"ו

עס איז געווען אמאל ווען מיין עלטער-זיידע הרה"ח ר' מתתי' ווייס ז"ל האט זיך נישט גוט געשפירט, איז מיין טאטע הרה"ח ר' משה יוסף ז"ל אריבער געגאנגען פרייטאג צונאכטס צום טיש פון הרה"ק **רבי מאיר יוסף רובין זצ"ל מקערעסטיר**, צו מזכיר זיין פאר א רפואה.

צו זיין וואונדער האט זיך דער רבי נישט וואוסנדיג געמאכט, און גארנישט אנגעוואונטשן, בשעת'ן שטעלן ווין, האט זיך מיין טאטע אנגערופן זיין זיידנס נאמען פאר א רפואה, זאגט דער רבי "ווי לאנג זאל ער לעבן? ער איז דאך שוין אן אלטער איד"... דאס איז געווען א פליאה עצומה פארוואס דער רבי האט דאס געזאגט און נישט געוואלט אנגעוואונטשן.

שפעטער איז ער געוואויר געווארן אז בשעת ער האט געשטעלט ווין האט שוין דער זיידע נישט געלעבט. (די יארצייט איז ד' סיון, ר' מתתי' ב"ר זאב ע"ה) (זאב וואלף פריעדלענדער, חיים יחזקאל הערשקאוויטש, טובי' שמעי' הערשקאוויטש, משה ארי' גאנז)

**תתתתקכא) עס דערציילט אונזער זיידע**
## הרה"ח ר' חיים אלי' טייטלבוים הי"ו

דער זיידע הגה"צ **רבי שלמה ברוך פראגער זצ"ל אב"ד פעטראוואסעלא**, איז געווען א געהויבענער איד, צדיק נשגב. **רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע** האט זייער שטארק געהאלטן פון אים.

אין די שטאט איז געווען איין אשכנזי'שע שוהל וואו אלע תושבי העיר האבן געדאווענט. עס איז געווען אין די שפעטערע יארן ווען די חסיד'ישע אינגעלייט האבן זיך געוואלט אפטיילן און מאכן אן עקסטערע ביהמ"ד, אבער דער זיידע האט נישט מסכים געווען דערצו, ווייל ער האט געהאלטן אז עס וועט נישט זיין קיין טובה פאר די שטאט. אבער די אינגעלייט האבן נישט געפאלגט. א קורצע צייט שפעטער איז ביים אנפירער פון די גרופע נפטר געווארן זיין אכט יעריג קינד ל"ע.

יענער האט פרובירט דאס אוועק צו מאכן, אז עס איז געווען א מקרה אז זיין קינד איז אוועק. אבער ווען צוויי וואכן שפעטער איז זיין בכור אויך נפטר געווארן, איז ער געפארן צו **רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע**, און דערציילט פון זיין ביטערע צרה.

דער רבי האט אים געהייסן גיין איבערבעטן דעם רב אויף דעם וואס ער האט געטון, והמגיפה נעצרה. (שמואל הערש מויזקאף, משה ארי' פריעדמאן).

**תתתתקכב) עס דערציילט אונזער זיידע**
## הרה"ח ר' שמעון ירוחם הירש הי"ו

נאכן קריג האט מיין טאטע הרה"ח ר' משה יודא ע"ה געוואוינט אין אונגארן, און ער איז דארט געווען שוחט אין נירעדהאז.

אין איינע פון די טעג ווען א איד איז געקומען צו אים שחט'ן א עוף האט ער זיך זייער אויסגערעדט אז ער האט שוין געהאט ניין קינדער, און אלע

קינדער זענען ליידער אוועק ביים געבוירן, און ער האלט יעצט ביים צענטן קינד, און ער ציטערט וואס עס וועט זיין מיט דאס קינד.

זאגט איהם מיין טאטע "איך האב ביי מיר דעם ספה"ק "נועם אלימלך" דפוס ראשון, און עס איז מקובל אז דאס איז א ישועה. און מיין טאטע האט מיך געהייסן אריבער טראגן דעם ספר פאר דעם איד. אבער איך האב פארגעסן דאס צו טראגן אויפן פלאץ.

א קורצע צייט שפעטער האבן מיר געהערט אז די מאמע מיטן ניי געבוירן קינד זענען ל"ע אין א גרויסע סכנה, האט מיר מיין טאטע באלד דערמאנט אז איך זאל שוין אריבער טראגן דעם ספר, איך בין אריבער געלאפן מיטן ספר וואס מ'האט געלייגט אונטערן קושן, און די מאמע מיטן קינד זענען געזונט געווארן און געבליבן לעבן. (משה הערש הירש, שמואל גינסבורג, שלום מאיר בוים)

**תתתתקכג) עס דערציילט אונזער זיידע**

## הרה"ח ר' משה פאגעל הי"ו

אין פעטראוואסעלא האט געוואוינט א גרויסער ערליכער איד **הגה"צ רבי שלום יוסף קליין זצ"ל** בעמח"ס דרך הטובה והישרה, ער איז געווען דער רבי פון הרה"ח ר' אהרן הכהן פאללאק ז"ל.

ער פלעגט אוועק פארן פון זיין שטאט פאר סליחות, און ער איז צוריק אהיים געקומען נאך די ימים טובים, און במשך די הייליגע טעג האט ער זיך געווייקט ביי די צדיקי הדור. א' סליחות איז ער געווען ביים **מנחת אלעזר זצ"ל** אין מונקאטש, און נאכדעם איז ער ארומגעפארן צו אנדערע צדיקים.

ווען ער איז אהיימגעקומען האבן אים די חסידים אין זיין שטאט געפרעגט "איר זענט דאך געווען ביים גרויסן יריד (מיינענדיג צו זאגן אז ער האט זיך געדרייט ביי אסאך צדיקים), פארציילט וואס איר האט דארט געזעהן".

האט ער געענטפערט "מ'זינגט איבעראל דעם זעלבן אדון עולם, נאר מיט א אנדערן ניגון"... מיינענדיג צו זאגן, אז כאטש עס זענען דא פארשידענע מנהגים און נוסחאות דינט יעדער צום זעלבן איינציגן באשעפער. (שמעי' ברוך גאלד, יעקב זילבערשטיין)

**תתתתקכד) עס האט דערציילט אונזער זיידע**

## הרה"ג ר' אברהם שמחה הכהן פריעדמאן שליט"א

הרה"ק רבי איציקל מפשעווארסק זצ"ל האט געוואוינט אין אנטווערפן אויף די מערקאטאר שטראסע, אויבן העכערן בית המדרש. ער האט געהאט א מנהג אז יעדע נאכט איידער ער האט זיך געלייגט אין בעט איז ער ארומגעגאנגען אלע טירן פונעם בנין און געקושט אלע מזוזות.

עס איז געווען בערך שנת תש"ל לפ"ק ווען רבי איציקל איז שוין געווען נאנט צו די תשעים, ער איז שוין געווען אלט און שוואך, אין איינע פון די ווינטער נעכט האט ער געוואלט גיין קושן די מזוזות כמנהגו, אבער די משמשים בקודש וואס האבן זיך געזארגט פאר זיין געזונט האבן גע'טענה'ט אז עס איז צו קאלט, און ער טאר נישט אראפגיין ביז צו די גאס צו קושן די מזוזות.

בלית ברירה האט ער געפאלגט די משמשים, און ער איז אריין אין בעט וואו ער האט אנגעהויבן צו לערנען זיינע שיעורים, אזוי ווי יעדע נאכט ווי ער האט געלערנט א לענגערע צייט אין בעט ביז ער איז איינגעשלאפן.

פונקט איז אנגעקומען א בחור פון ארץ ישראל (פון וועמען איך האב געהערט די מעשה) וועלכער האט געוואלט אריינגיין צו רבי איציקל מיט א קוויטל. דער גבאי האט אים אריינגעלאזט צו רבי איציקל, און ער האט געגומען דאס קוויטל זייענדיג אין בעט.

פרעגט אים רבי איציקל "פון וואו קומסטו?", זאגט דער בחור "פון ארץ ישראל!". "פון ארץ ישראל ביסטו געקומען צו מיר?!" פרעגט רבי איציקל. זאגט דער בחור אז ער איז אונטערוועגנס קיין ניו יארק, ווי ער פארט לערנען אין די סאטמארע ישיבה, האט ער זיך אפגעשטעלט דא אין אנטווערפן צו קענען באקומען א ברכה פון רבי איציקל.

ווען רבי איציקל האט דאס געהערט האט ער זיך אויפגעשטעלט און ער האט אנגעהויבן צו שרייען אויף דעם בחור "וואס?! מ'פארט צום רב (אזוי פלעגט ער רופן דעם רבי'ן מרן הדברי יואל זי"ע) און מ'קומט צו מיר מיט א קוויטל?!", און אזוי רעדנדיג האט ער איהם ארויסגעפירט פון שטוב און געגאנגען מיט אים אראפ די טרעפ, זאגנדיג אז איינער וואס פארט צום סאטמארער רבי'ן האט נישט וואס צו קומען צו אים מיט א קוויטל.

ווען ער איז צוריק געקומען רופט ער זיך אן צו די משמשים "איך האב שוין געקושט די מזוזה"... (חיים יוסף יצחק הכהן פריעדמאן, יעקב קרויס)

**תתתתקכה) עס דערציילט אונזער עלטער זיידע**

## הרה"ח ר' דוד מרדכי מייזעלס ע"ה

דער אלטער טשאקאווער **רבי הגה"צ רבי יעקב האלבערשטאם זצ"ל** איז אמאל שטארק קראנק געווען ל"ע, און די דאקטוירים האבן אפגעזאגט.

דער **רבי מרן הדברי יואל זי"ע** איז אים געפארן באזוכן אין שפיטאל, דער וועג האט געגומען צוויי און א האלב שעה. ווען דער רבי איז אנגעקומען צום טשאקאווער רבי'ן האט ער אים געטראפן זייענדיג זייער צוקלאפט און צוטראגן, פרעגט אים דער רבי "טשאקעווער רבי, פארוואס זענט איר אזוי צוברָאכן?", האט ער דערציילט פארן רבי'ן אז די דאקטוירים האבן אים אפגעזאגט ל"ע.

האט אים דער רבי אנגעכאפט די הענט און אים געזאגט "טשאקעווער רבי, איר וועט נאך זיין געזונט און שטארק". און ער האט אים געהייסן גיין צו אן אנדערן דאקטער, וואס דער רבי האט אנגעגעבן דעם נאמען פון דעם דאקטער.

מ'איז טאקע געגאנגען צו יענעם דאקטער, און נאך א אונטערזיכונג האט דער דאקטער געזאגט אז עס איז נישט דאס וואס די פריערדיגע דאקטורים האבן געזאגט, נאר מ'דארף מאכן א אפעראציע.

דער טשאקאווער רבי האט געהאט בירושה א הייליגן גארטל פונעם דברי חיים זי"ע, און ער האט דאס געשטעלט אינטערן קאפ, און די אפעראציע איז אריבער בשלום.

שפעטער איז ער געקומען זאגען פארן רבי'ן א "יישר כח" און ער האט דערציילט פארן רבי'ן אז ער האט געלייגט אונטערן קאפ דעם גארטל פונעם הייליגן דברי חיים בשעת די אפעראציע, האט דער רבי געזאגט בחרדת קודש "אבנטו של כהן גדול". (שמעון ארי' מייזעלס, משה ארי' מייזעלס, יצחק מייזעלס, שמואל יצחק מייזעלס)

**תתתתקכו) עס דערציילט אונזער עלטער באבע תחי' בת**

## הרה"צ ר' שלום יוסף קליין ע"ה

מיין טאטע רבי שלום יוסף זצ"ל האט געהאט מייסד געווען א ישיבה אין פעטראוואסעלא, און עס זענען געקומען לערנען צו אים יונגע בחורים. מיט די צייט האט דער איידעם פונעם רב הגה"צ רבי שלמה ברוך פראגער זצ"ל אויך געעפנט א ישיבה אין די שטאט, אנשטאט וואס ער זאל ווערן ברוגז אז מ'עפענט נאך א ישיבה, האט ער מודיע געווען אז ער נעמט נאר אן קינדער ביז צו די בר מצוה, און כאטש ער האט שוין נישט געקענט מרביץ תורה זיין אויף דעם פארנעם ווי ביז היינט איז אים דאס כדאי געווען אז עס זאל ח"ו נישט זיין קיין מחלוקת.

בשנת ת"ש איז ער ל"ע נישט געזונט געווען, איך געדענק ווי **רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע** איז אים געקומען מבקר חולה זיין. דער רבי האט אים געוואלט מחזק זיין אז ער וועט נאך אי"ה געזונט ווערן, האט ער אים געזאגט "רבי שלום יוסף, איר וועט מיר נאך צוריק אפגעבן א באזוך", האט מיין טאטע געענטפערט "נישט איך, אי"ה מיינע אייניקלעך"... ב"ה צווישן זיינע אייניקלעך זענען דא אסאך גרויסע סאטמארע חסידים, וואס האבן זיך געווייקט ביים רבי'ן אסאך יארן.

בשעת ווען דער רבי איז געווען ביי מיין טאטן אינעווייניג בין איך געשטאנען אונטער די טיר, ווען דער רבי איז ארויס געגאנגען האט ער ארויפגעלייגט די האנט אויף די מזוזה, און ער האט געגעבן א ביטערן קרעכץ, אז איך האב געשפירט ווי איך פאל חלשות. מיין טאטע האט ליידער נישט מאריך ימים געווען, און א קורצע צייט שפעטער איז ער נסתלק געווארן. (ליפא גאטליעב, יואל גאטליעב, שמואל דוד הירש)